דאס

# ווינטשפינגערל

וואס מיט דעם קען איטליכער מענטש דר גרייכען אלץ וואס זיין הארץ ווינשט און בגערט, און קען דורך דעם ניטצליך זיין זיך און דער וועלט.

דעם ספר האט געשריעבען אין דער דייטשע שפראכע

**הירש ראטהמאנן פון רוססלאנד**

אונ איז צום ערשטען מאל געדרוקט אין לייפציג

בייא בראקהויז 1864.

היינט איז ער איבער געזעצט געווארען אין יודעש דייטש און ארויס געגעבן געווארען לטובת הכלל פון

**מענדעלי מוכר ספרים**

מאת

**איש**

דר מחבר פון דעם קליינעם מענטשעלע

בדפוס החדש של ר' יוסף לעבענזאהן



# א מעשה איבער א מעשה

אמר מענדעלי מוכר ספרים. זאגט מענדעלי דער מוכר ספרים: געלויבט זייא דער בורא, וואס האט אין זעקס טעג בעשאפען הימעל אונ ערד מיט אלע באשעפעניש: בהמות, חיות אונ עופות, ציגען, שאף, קאטשקעס אונ דעם מענטשען, וואס ער האט אים גערייט-זעליגט מיט א שכל, צו פארשטעהן צו רעדען אונ צו שרייבען; איך בין אויסען - איך דא צו בעשרייבען דעם וואונדער, וואס השי"ת האט מיר געטאן פאר א יאהרען זומער (תרכ"ה). הערט אויס ליבע אידען, עס וועט אייך חלעבין הנאה טוהן.

מאנטיג, גאנץ פריה בין איך ארויס געפאהרען פון קאבצאנסק, וואס איך האב דארטען געהאלטען שבת-נחמו. דיא לופט איז געוועזען גאר מחיה. עס איז א תענוג געוועזען צו הערען ווי דיא פייגעליך האבען געזונגען אללערלייא נגונים, אין וועלכע עס האט זיך געלאזט הערען פארטראגענע קולות פון מוזיצקעס, וואס האבען זינגענדיג געשניטען תבואה אויף דיא פעלדער. סטעדעס דיא זענען געשטאנען אויף דיא סינא קאסען אונ האבען צרוח געגעבען זיסע מחיה-דיגע ריחות, וואס זענען זיך צו גאנגען אין אלע אברים. פון ווייטען האבען זיך ארויס געקוקט דיא פעלדער מיט בליהענדע רעטשקע, ווייס ווייא שנעע אונ דיא טשערעדע האט אויס געזעהן פון ווייטען אויף דער

פאשע וויא שווארצע, רויטע, געמלעקטע פינטליך. מיילא
גאר נישט, ניט דאס בין איך אויסען. איך בין מיר
געזעסען אין טלית און תפלין. אויף דער קעלניע און האב
געדאווענט. אפעדערסט רעדיל האט אביסיל צו געסקריפעט,
און מיין פערדיל האט געהויבן פיסליך גאנץ לוסטיג, און איז
זיך נגאנגען א בעל-א-בתישען גאנג, האץ, האץ, האץ. איטליכן
איז בעקאנט. אז דער וועג פון קאבצאנסק קיין גלופסק איז
גלאט וויא אַיאַק, ער ציעהט זיך איבער פעלדער און
געדעם דורך וועלדער און וועלדליך מיט בערעזעניע און
דעמבענע בוימער; נאר אמת אויף א פאר ערטער איז
פארגאנען אזוכפף, וואס אין דער בעל-העגלישער שפראכע
הייסט עס: א "טינגטעריל". ניט דאס בין איך אויסען. אין
מיטען שמונה עשרה, זאל ניט אוים גערעטה זיין, האב איך
געהאפט א דרעמיל, מיין קאפ האט זיך טאלאבענדעט אהין
און אהער. פלוצלים האב איך מיך אשטארקען העצקע
געטוהן און מאכי בוה גרייך אויף דער ערד אויש.... אבת
אפילו וואלט זיך פון אזוי אבוך אויך געקענט אויפהאפען.
איך גיב א בליק, הע! אין דאס סקריפעדיקע רעדיל פון מיין
ביידעל איז פארטשעפעט א-נ-אקס פון א-נ-אנדער ביידעל,
וואס עס איז מיר געקומען אנגעגען, מיין פערדיל געביך
שטעהט אין געהאקטע וואונדען מיט איין פוס איבער
א דיאלאבליע, פר פוטעט אין די לייצען און סאפעט ווי אנאנו.
פון יענער זייט ביידעל שיט זיך טויטע קללות אויף מיר און
אויף מיין פערדיל געביך. איין מאל א רוח אין טאטען, נאך
א מאל א רוח אין טאטען, אז עס האט מיך, שונא ציון,
פאר דעם הארצען אן געהאפט. איך האב מיך מיט גרויס
כעס אלאז געטוהן אויף יענער זייט וואגען. דארטן אויף
דער ערד איז געלעגען פארפלאנטעט אין טלית און תפלין

איוד

א יוד, אין דער האנד א בייטש פארדרעהט מיט וויא
רצועות. איך שריא. סטייטש! ער שרייט אויך סטייטש!
איך באטשעל אויף איהם אויס הלוטות, ער באטשעלט אויס
אויף מיר. איך שריא וואס האסט דוא געשלאפען, סטייטש
פאר וואס האסט דוא זיך ניט געהיט? ער שרייט אויך פונקט
דאס זעלביגע. איך שמיס זיין פערדיל, ער שמייסט מיין
פערדיל, ביידע פערדליך שטעלען זיך דיבאם, און מיר
האבען זיך איינער צום אנדערן צו געלאזט העדרום פענדרום,
וויא דיא העהנער, און האבען זיך שוין טאקי אנגענומען פאר
דיא פאות. גאט ווייס וואס דער סוף וואלט געוועזען, ווען
מיין צד שכנגדו וואלט פלוצלים ניט א געשרייא געטוהן:
אוי! וואס זעה איך?! סטייטש, רעב מענדעלי! — איך האב
אריין געקוקט דעם פארשוין אין פנים און האב אויך א
געשרייא געטוהן: אוי, סטייטש! רעב סענדעריל! א שמירה
א תרוה אויף וואס דיא וועלט שטעהט. איך שריא: זייט
מיר טויזענד מאל מוחל רעב סענדעריל! רעב סענדריל שרייט:
זייט מיר טויזענד מאל מוחל רעב מענדעלי! — רעב סענדעריל
איז א קורץ, גראב יודל. א געשפיקעוועטער, מיט א דיק
בייכעל, א רויטען פארוואקסענעם פנים. ער איז א מוכר
ספרים וויא איך. מיר געבען א מאל איינער דעם
אנדערן צו לייזען מזומן, אדער מאכען א הילוף. וויא עס
לאזט זיך. נוא, נוא. האבען מיר ביידע מיט גרויס שמחה
גזאגט, דאס איז בהשגחה, טאקי גאר זכות אבות האבען
פארטשעפעט אונזערע וועגען, כדי מיר זאלען זיך ניט
מיידען. אזוי א וואונדער איז דאך ווערט צו באשרייבען,
אזוי א וואונדער טרעפט זיך טאקי נאר איין מאל אין טויזענד
יאהר. — רעב סענדריל זאל לעבען האט מיר געהאלפען
אוועק רוקען מיין ביידעל. און דער פר וואס ער האט אביסיל

באלעדיגט

באליידיגט מיין פערדיל. האט ער איהם אונטער געריקט א
הויפען היא פון זיין וואגן און האט איהם א גלעט, געטוהן
עטליכע מאל איבער דעם רוקען. — וואס איז דיא מעשה
רעב מענדעלי? האט ער געפרעגט. וואס איז די מעשה מיט
אייער פערדעלם שוואנץ? וואו זענען אהין געקומען זיינע
שטרונעס? — נאט האב איך געענטפערט. נאט איך א ספריל.
דארט וועט איהר שוין זעהן. אז דיא גלופּעקער ווייסע חברה
האבען איהם אזוי מיאוס אבידעט. מיינט ניט אז מיין
פערדיל איז א פראסט'ס, אבי אזט א פערדיל, ער איז שוין
געדרוקט אין א ספר. און דער צו טאקי אויך נאך א צייטונג.
הע! — פון העסט וועגען, נעהמט זיך אזוי ניט איבער, האט
רעב מענדריל געשפאסט. ביא דער צייט געפינט מען א סך
פערד וואס מען רעדט פון זייא אין ספרים און אין נייא צייטונג.
עט! מע זאגט א גוישער שרייבער. איינער עפעס לעסינג
צו עסינג. וואס מאכט עס אוים. זאל זיין עסעניג. האט
יאר- אנגעשריבען א לויב-ליעד אויף איינעם עזעל. א:
דייטשער. וואס איך האב איהם פאר א יאהרען אבוטיר
אונטער געפיהרט. האט מיר א גאנץ וועג קראנק געמאכט
דעם קאפ עפעס מיט סאנרא פאנחאס א-נ-עזעל. וואס
שטעהט באשריבען אין א ספר דן סקאט. קאט. אדער
קישאט. ביא אונז יודען איז דאך פאראנען פיעל בארימטהע
עזעל. — אפילו אזעלכע וואס רעדען נאך אליין. למשל
בלעם'ס עזעל; פנחס בן יאיר'ס עזעל; נאך פיל עזעל.
ניט אומזיסט שטעהט אין דיא קינות: „בך כל בהמה ועוף
חכמו„ דאס הייסט: ביא דיר כנסת ישראל, זענען אלע
בהמות קלוג. — זאלט איהר טאקי וויססען רעב מענדריל
האב איך געזאגט. ביא אונז יודען זענען טאקי פאראנען
זעהר פיעל בארימטהע עזעל. .... ניט דאס בין איך אויסען.





אז מיר האבען אונזערס אפּ געשמועסט. האבען מיר זיך
גענומען צום עסק. איך האב ארויס גענומען מיין פעקיל
סחורה. רעב סענדעריל זיין פעקיל און מיר האבען
געסטעכעוועט. איך האב אויס געביטען א מנזה זיטאמירער
סליחות אויף שפּאגעל נייע שופרות. יא האט רעב
סענדעריל א זאג געטוהן צום סוף. ווייס איך. עפעס האב
איך מיינע צרות. געקויפט פאר א שפּאט א דייטשערעס
ביכעל; עס הייסט עפּעס. וויא מען האט מיר פארדייטשט
דאס ווינטשפּינגעריל. — דאס הארץ האט מיר א טיאפקע
געטוהן בשעת איך האב דער הערט דאס ווארט
ווינטשפּינגעריל. דאס איז סחורה. האב איך געטראכט.
אט-א-דאס דארפען טאקי יודען האבען; אט-א-דאס קען
האבען א גרויסען אפּ נאנג. וויא בבא מעשה. טויזענד און
איין נאכט. קורץ איך האב מיך צו געזעטצט צו רעב
סענדערלין. ביז ער האט מיר אפּ געלאזט דאס ביכעל
!עפּעס פאר עטליכע השכלה ספרים. וואס האבען זיך ביא
מיר פאר וואלגערט. רעב סענדריל איז אויך חלעבין קיין
נאר ניט. ער ווייס וואס איז גוט וואס איז שלעכט. א
שעהנע ריינע כפרה אללע השכלה ספרים פאר איין מעשה.
א כפרה נאך פאר א ווינטשפּינגעריל .... נים דאס ב
איך אויסען. — אז מיר האבען אלכדינג געקט. האט זיך
רעב סענדעריל געזעטצט אויף זיין וואגען. פאהרען קיין
צביאטשיף. איך בין מיר ארויף אויף מיין וואגען פאהרע
קיין גלופּסק. האב מיך גענומען קאנטשען דאס דאווענ
און פריוועען דיא שופרות. איהר קענט אייך משער זיין וויא
שטארק איך האב געבלאזען, אז מוזשיקעס האבען פון ווייטע
מיר אפּ געטראטען דעם וועג. ווארום זייא האבען געמיינט
אז דאס בלאזט דער פּאפּטשיליאן. עס פארשטעהט זיך.

זייא האבען דער נאך מיך געזעהן. האבען זייא אויף מיר
געטשיידט מיט א נייעק פאלע וויא א חזיר'ס א-נ-אויער.
אונ דער צו נאך געשריען: ושיר הלאמייא! איך אבער האב
מיר טאקי ווייטער געבלאזען. אט פאר וועמען מען האט זיך
אביסיל צו שעמען?! .... דאס דייטשערעס ספריל איז מיר
ניט ארויס פון דעם קאפ. אין מיטען לאנג והוא רחום. זאלל
ניט אוים גערעדט זיין, האב איך מיך שטארק פאר טראכט.
סטייטש. ווערזווייס נאך אזוי גוט וויא איך, וואס יודען
דארפען האבען, וואס יודען האבען ליעב. וואס טויג זייא
אללע אנדערע ספרים חוץ סדורים. סליחות מחזורים
וכדומה: כלנו חכמים. כלנו נבונים. כלנו יודעים את
התורה. דאס הייסט. פיל מיינען. אז זייא זענין הכמים.
שעהנע פיינע בריות נאר גלאט כחמת זייא זענין יודען.
א יוד ווערט געבארען א חכם. א כשרער א פרומער, היינט
צו וואס טויג אידם זיך דולען מיט פוסטע ספרים. זעהט
אידר. א מעשה דאס איז סחורה. אונ אויך ניט קיין לאנגע.
דער יוד וויל טאקי באלד וויא ער האט אנגעהויבען וויסען
דעם סוף. דאס איז דאך טאקי דעם יודענס כאראקטער,
וואס ער איז זעהר ציקאווי אונ אונגעדולדיג.... ניט דם בין
איך אויסען. דער שפיטץ איז. א מעשה איז א קוראנטער
ארטיקעל. אונ אווינטשפינגעריל האבען מיר אקיימא לן איז
אוודאי א שעהנע מעשה: בכן וועל איך מאכען א גוט געשעפט,
אז איך וועל ספיקעלירען אפ דרוקקען דיא מעשה אין יודעש
דייטש. — מיט אזעלכע געדאנקען בין איך מיר געפאהרען
פאר טראכט אין טלית אונ תפילין. מיט א שופר אין דער
האנד ביז דיא דרייא קרעטשמעס וואס פאר גלופסק.
אז איך האב זיך אביסיל אפארעט אין גלופסק פון מיינע
געשעפטען. בין איך תיכף געגאנגען צו מיין אלטען. הערר





גוטמאנן מיט דעם פלאן. ער זאל מיר איבער זעטצען דאס
דייטשערס ביכעל. — יא. אידר מוסט וויסען. אז גוטמאנן
איז נאך פאר-א-יאהרען געקומען מיט זיין פאמיליע קיין גלופסק.
לויט דיא צוואה פון יצחק אברהם תקיף. אז ער זאלל דארטין
מאכען פאר זיין געלד גוטע פאראדקעס. פארבעסערען דיא
תלמוד תורה. מאכען לייט פון יתומים. ארימע קינדערליך.
אויס לערנען זייא גוטע מלאכות. נאר פון אלע פאראדקעס הט
זיך אויס געלאזט אטייך. גוטמאנן האט אפילו ניט מוצא שנתו
געוועזען אין גלופסק. אונ איז פון דארט ניט טויט ניט
לעבעדיג אנטלאפען. בייא יודען ווילט איר מאכען פאראדקעס.
אונ נאך בייא גלופסקער! חסידים איז ניט געפעלען. פאר
וואס גוטמאנן טראגט זיך דייטש. אונ אז מען האט
אפ געוואשען דעם פאל אין דער תלמוד תורה. איז זייא
פינסטער געווארען אין דיא אויגען. סטייטש. סטייטש.
מען זאלל אזוינס טוהן אין א תלמוד תורה! סטייטש, סטייטש
מען זאלל אפ וואשען דיא בלאטע וואס אונזרע אבות
אבותינו האבען אנגעמאכט!... אזעלכעס טוהט טאקי
נאר א גוי. אבער א יוד. דער וואס האט א פינטעלע יוד....
סטייטש. וויא שיקט זיך עס! — אטייל נגידים זענין גלאט
אין כעס געוועזן אויף יצחק אברהם'ס צוואה, סטייטש. מען
זאלל אזוי אוים זאגען פון הדר: סטייטש. מען זאל טוהן אזוי
א גרויסע צדקה! דא וועט מען דאך טאקי נאר הערען יצחק
אברהם'ס נאמען אליין. אונ זייא אללע וועלען דאך אזוי
א פנים האבען וויא.... ארויז דעם דיא דייטשליך, דיא
בייסען זיך גאר וויא קעטץ. איטליכע מיינט אז ער. טאקי
נאר ער פר שטעהט איין עסק. איינם איז ניט געפעלען גוטמאנס
ראק דעם אנדערען גוטמאנס שטעקין. דעם דריטען איז ניט
געפעלען פאר וואס גוטמאנן קען יודיש. אונ פלעגט אידם

נאך קריכען. וויא א גוי א יודען. יענעם דייטש קען מען אבער ניט רופען גוי ווארום ער קען ניט קיין גויעש חאטשע בשעת רעדען בלאזט ער אן דיא פיסקעס. איינר אבער קען ער אויך ניט הייסען. ווארום ער איז לא עליכם שטומפיג אויף דער איברע. אין דער כלי-זמר שפראכע הייסט אזעלכע: איאלד, איופט, אפלאכט! — גלייבט מיר מיינע ליבע יודען. איך בין אויף מיין לעבען אוים געוועזען אוועלט איך האב איבער געהאנדעלט מיט אללערלייא מענטשען. דר אמת איז ניטא ביא קיינעם. סיידען נאר ביי נארנים און משוגעים. ווארום באמת טאקי דארף מען דען ניט זיין אנאר אמשוגענער. היינטיגע צייטען זאגען דעם אמת?.... נאר ניט דאס בין איך אויסען// קורץ. איך זאלל אייך דער צעהלען דיא סטוטשקעליך וואס מען האט געטוהן גוטמאנען. איז דא ניט דאס ארט. איך וועלל אי"ה אייך דאס אלץ איין אנדערמאל באריכות דער צעהלען. אז איך האב געזעהן: אז גוטמאנן איז ניטא, בין איך מיר געגאנגען צו איין אנדערן אריםען. דייטשיל. מיינער אבעקאנטער. זעהט איהר, דער דייטש. האט ליעב צו זאגען א־נ־אמת. ער מאכט מיך אפט קלאהר פון גלופסקער סטוטשקעליך. ערשט ניט לאנג הט ער מיר דער צעהלט פון אגלופסקער פיינע בריה וויא ער פידערט גלופסק ביא דער נאז און געהט אין ספאדאק. עם קען זיין. אז איך וועל מיט דר צייט ארוים געבן זיינע אגשריבענע מעשה, אדער אשעהנע. אדער אלאנגע אגרויסע. נאר ניט דאס בין איך אויסען. איך האב מיך מיט דעם דייטשעל בעדונגען, ער זאלל מיר דאס דייטשערס ביכעל מעתיק זיין אויף פראסטע יודעש, און אלליין בין איך מיר אוועק געפאהרען ווייטער. אויף היינטיגען חנוכה בין איך מיר אריין געפאהרען ווידער קיין גלופסק. דר דייטש איז געווען מלא שמחה





אז ער הט מיך דר זעהן, אוי. רעב מענדלי, דט ער געשריען פאר פרייד. איך האב שוין אסך איבער געזעטצט פון דעם ספר: איהר האט א שעהנע מעשה רעב מענדלי! איהר דארפט מיך ווערן פון דער מעשה. געבע גאט. אזעלכע מעשיות זאלל זיין אסך ביא אונזערע יודען. אוודאי האב איך מיך שטארק געפרייט, אז איך האב מיט דעם דייטש איבער געלייענט דיא מעשה: איך האב מיך אנגעשטויסען וואס פאר אמין מעשה דאס איז. ערשט דערנסמאלט האב איך בעשיינפערליך ארוים געזעהן דעם וואונדער. וואס דיא ביידלעך האבען זיך פארטשעפעט. היינט געדט בעשרייבט ניט אזוי אוואונדער! — פון דעסט וועגען. האב איך געזאגט דעם דייטשיל מיט אקנייטש, פון דעסט וועגען וואלט ניט געשאדעט חלעבין, אז איהר זאלט וויא עס איז מאכען הערות (אנמערקונגען) אויף דער מעשה, ווארום דאס איז היינט שטארק אין דער מאדע. רעב לעמעל. זאלל לעבען, דער וואס דרוקט מעשיות איז דער איינן אמייסטער, ער טאקט אנמערקונגען וואס ניט געשטויגען ניט געפלויגען גראם שטראם מאך מיר אלעטניק. ער איז אחידוש וויא איך בין איוד! גלויבט מיר יודען איך בין אמבין אויף אזעלכע זאכען. ביא יודען דארף מען נאר מאראטשען דעם קאפ: אין ווארט מעג זיך מיט דעם אנדערען ניט אנגעהערען. אבי קלאפאטשע, אבי שטירכע נאך בעסער. וואס מעהר מען וועט אייך ניט פאר שטעהן וועט מען אייך אלץ מעהר בעוואונדערען. אזאך וואס מען פארשטעהט איז ביא איין יודען ניט בחשיבות, ווארום וואס לאזט ער מיך הערען? חשוב איז ביא איהם נאר אזוי אזאך וואס מען קען עם ניט פאר שטעהן. אז מען פאר שטעהט עם ניט, כמתכא מוז דאך דרינגען עפעס זיין.... רעב לעמעל זאל לעבען איז א

פויגעל, ער פאר שטעהט דאס גאנץ גוט, דאריבער מאכט
ער מיט דעם צונג, אהין אהער וויא עס איז. אונ דרעהט
זיך אויס גלאט וויא אויף א טעלער, אשטייגער אז איינער
זאגט אהה וואס עס טויג איהם כלל ניט. דא הייבט
ער אן מאראטשען קלאפאטשען, אונ מניה וביה
וואקסט אויס אזוי א הערה. וואס חאטשע דוא זאלסט זיך
שוין דא צו רייסען וועסט דוא ניט דער געהן קיין טאלק.
וואס ארט עס איהם וואס דו פאר שטעהסט זיא ניט, ער
חלעבין פאר שטעהט זיא אויך ניט. אבי ער האט דער וויל
יענעם מבלבל געוועזען. איך זאג אייך רעב לעמעל איז
נאר א חידוש. וויא איך בין א יוד! דאס האב איך געהערט
זאגען אויך פון אסך געבילדעטע, נאר ניט דאס בין איך
אויסען. זיין רעב מענדעלי. האט דער דייטש געענטפערט
זיין קלאפאטשען מיט דער צונג גלאט אבי יענעם פאר
דולען. דאס קען איך ניט. איך שרייב נאר דאס וואס
איך פאר שטעה. וואס איך פיהל. וואס עס טויג. וואס
מען בעדארף. וואס איטליכער קען עס פאר שטעהן, אז
וואס א יונגעל. א שוטה. אדראב. אדורבאק פרעגט: מאי
קא משמע לן, וואס לאזט ער מיך הערען? דאס הער איך
אזוי וויא דעם קאטער. וואס געהען מיך אזעלכע דורבאקעס
אן?... איהר ווילט רעב מענדעלי. אז איך זאל אנגעהע-
מען די מאדע פלוידערען, קלאפאטשען. פלוטען אונ
באלאמוטען. וואס איז? כדי איך זאל געפעלען דורבאקעס!
הייסט זע דען דאס אבער דער שכל? הייסט זע דען
דער שכל אז מען זאל ווערען א שוטה, א חסר-דעה
צו ליב שוטים אונ נארען? אדרבה, דער שכל הייסט
בעדווערען די נאראנים ער הייסט אונז טוהן וואס מען
בעדארף. אונ הערען די כי נוגע'ן פון אלע נארען אזוי
וויא



וויא פאר א יאהריגען שנעע. פאר שטעהט איהר מיך רעב
מענדעלי? איך זאג אייך נאך אמאהל בפירוש ברחל בתך
הקטנה. אז איך שרייב נאר וואס איך פיהל וואס איך
דענק. טויג אייך איז גוט. אלא ניט. שיקט זע אייער
מעשה- צו רעב לעמעלען. חלילה! האב איך אנגעשרייא
געטוהן מיט איכפענד. חלילה! אזוי א שטותעריא וועל
וועל איך בשום אופן ניט טוהן. רעב לעמעל זאל לעבען.
האט מיר ערסט פאר א יאהרען וועהר מיאוס אנגעפייפט
אין א מעשה אריין. זאלל כיין מעשה זיין אהן הערות איידער
איך זאלל מיך ווענדען צו איהם נישקשה איך קען אויך
מאראטשען אקאפ, איך קען אויך די קונץ וויא ער
טאקען הערות אונ דרעהען מיט דער צונג. אחוץ דעם
האב איך נאך אנגעשריבען די לאנגע הקדמה. איך מיין
אז זיא באשטעהט פאר הונדערט הערות נישקשה מען קען
מיט איהר אויך קראנק מאכען א מענטשען. מען קען מיט
איהר אויך יוצא זיין, מען קען מיט איהר צו פרידען זיין.
חאטשע ערטער ווייס קענן מען זיא אביסיל פאר שטעהן.
אונ ווייטער איבריגענס, דעם וואס זיא ווערט ניט געפעלן.
דער מעג זיא איבער היפערן. אונ גלייך אנהייבען פון

דער עיקר מעשה:

# די מעשה אליין

דער מחבר פון דעם „ווינטש פינגעריל" הייבט אן צו רעדען אין זיין ספר אזוי:

„איך בעט מיינע טייערע לעזער אום פארצייהונג. דאס הייסט, זיי זאללען מיר מוחל זיין. ווען איידער איך מאך זייא בעקאנט מיט דעם תוכן. דאס הייסט, מיט דעם אינהאלט פון דעם ווינטשפינגעריל אליין. האב איך מיר דיא פרייהייט גענומען. דאס הייסט, איך האב מיר פאוואללעט, מיך זעלבסט פאר זייא פאר צו שטעלען. און איהנען עטליכע בלעטער פון מיין לעבענס געשיכטע צו געבען. איך האף, אז דיא לעזער מיט פיעל פערגעניגען דיא דאזיגע בלעטער לעזען וועלען, און וועלען דער נאך ארויסזעהן ווי דיא בלעטער געהערן זיך שטארק אן מיט דעם ווינטשפינגעריל אליין.

אין קיזבער גובערניע איז פאראנען א קליין שטעדטעלע. ניט ווייט פון גלופסק, זיא איז בעקאנט אויף עטליכע מייל ארום מיט דעם נאמען קאבצאנסק, דארט, אין דעם שטעדטיל. וואוינט איין עושר איין פיינע בריה. ער הייסט רעב יודיל קאבצאנסקער. דיא איבריגע איינוואה־נער זענען גרויסע אביונים און האבען ניט איהר זאלט זאגען א צובראכענעם שילינגער. אין קאבצאנסק אליין איז פאר זייא ניטא קיין שום פרנסה, סיידען זייא זאללען איינער

צום



צום אנדערען ארום געהן אין דיא הייזער. דיא גאנצע יניקה זייערע איז פון גלופסק. א טהייל ווייבער פירען פון דארט קיין גלופסק היהנער, אייער, געגזען שמאלץ און פעדים; א טהייל מאנזבילן פאהרען אהין צו זיין מלמדים, בהעלפער, מקבלים, שעהנע יודען און באטלנים; אונטער ימים נוראים האפען זיך אנדערע ארויס קיין גלופסק. פאר דינגען זיך דארטען אין דיא קלייזליך פאר בעלי־תפלות. היינט דינסט מיידליך און אמען געהן פון קאבצאנסק ארויס גאר אן א שיעור. א חנוכה א פורים געהן פון דארט אוועק כמעט אללע איינוואהנער קיין גלופסק. ארום געהן דארטען אין די הייזער. מען זאגט, אין קאבצאנסקער פנקס שטעהט פארשריעבען א וואונדער שעהנע מעשה: בימי רעב שמעלקי. אין דער צייט רעב שמעלקעס. רעב יודעלס א זיידע. האבען זיך פאר א פורים דיא גאנצע שטאדט לייט אוועק געלאזט קיין גלופסק. עס איז איבער געבליעבען נאר רעב שמעלקי אליין. רעב שמעלקי איז געוועזען א בעזדעטניק. א פרומער. א כשר'ער יוד. פון דעם אלטענס חסידים. האט זיך רעב שמעלקי שטארק מצער געוועזען. אז פורים. אין אזוי א הייליגען טאג. וועט ער ניט קענען דאווענען און לייענען דיא מגלה בצבור. און וואס מעהר נאך האט איהם גערגערט. ער וועט דאך ניט קענען מקיים זיין דיא מצוה משלוח מנות. פון גרויס צער און לייד איז ער געזעסען אסתר תענית צווישען טאג און נאכט ביי זיך אין שטוב, אהן א קאפ. פלוצלום עפענט זיך אויף דיא טיר און עס געהן אריין צוויי מענטשען. דרייא שטארק אלטע אין רא־צעמארענע זופעצקעס. איינער אין א גאנצן לאנגען טוליק פון מארע־אנטיק. מיט אטייערען ספאדיק אשפיצאטען.

נאך איינער אין אטשומערקע מיט אלערנעם ביא נארטיל, אונ נאך איינער עפעס אזוי וויא פאר שלאפען מיט אנראבע רויטע נאז. אנגעווערצט מיט רויטע בלאטערען וויא ווייםפערליך אונ האט ניט געקענט איינשטעהן אויף דיא פים. דיא איבריגע דרייא זענין געוועזען אנגעטוהן עפעס ניט אזוי וויא מאנזבינן, ניט אזוי וויא ווייבליך, פארענט ברוסט טיכליך מיט פליטערליך, הינטען קליינע פארטוכליך. בשעת זייא זענין אריין געגאנגען האבען זייא אנגעשריא געטוהן: גוט יום טוב רעב שמעלקי! רעב שמעלקי איז געגאנגען זייא ענטגעגען מיט שמחה אונ האט איטליכען כסדר געגעבען שלום עליכם. רעב שמעלקי! האט געזאגט דיא משומערקע, דיא סוחרים פרעגען אויב זייא וועלען קענען ביא אייך האלטען פורים. זייא וועלען אייך גוט באצאהלען. חלילה. חלילה! האט רעב שמעלקי געענטפערט. געלד וועל איך אסור חזיר ניט נעמען. איך וויל מקיים זיין מיט אזעלכע טייערע אורחים דיא מצות פורים גאנץ פרעהליך. וויין אונ אנדערע משקאות האב איך דאנקען גאט, אין קעלער זעהר גענוג. רעב שמעלקי האט געפידערט זיינע אורחים אין שול אונ מען האט דארט געדאווענט מעריב, איין אלטעצקער האט געלייענט דיא מגילה מיט אויס קול. נאר מחיה. דער טוליג האט זיך געמינעט, אז דער אלטער האט געלייענט וויא המן איז דער הייכט געווארען. האט דער טוליג געמאכט פאר כעס אזוי אקילאק. אז רעב שמעלקי האט זיך איבער געשראקען אונ האט געמיינט, אז ער וויל איהם דא דעם טויט מאכען. דער נאך אז דר אלטר הט געלייענט המן'ם מפלה. האט דער טוליק אשפרונג געטוהן אונ געטאנצט אויף דיא שטענדערס. אין דיא הענט האט ער געהאלטען





צווייא לאנגע רופה שטעקענעם אונ האט טאקי גוט געשלאגען המן הרשע איבער דיא טרעפליך פון דעם בעל־הימר. דיא אלטעטשקי האבען זיך אונטער געהעטצקעט. אונ האבען געזונגען שושנת יעקב. דיא נאז מיט ווייכפערליך האט זיך ניט געקענט איינהאלטען אונ האט געזאגט: איך וואלט שוין פון אללע שמחות געוואלט דער לעבען זעהן אביסיל בראנדפין. דא האט זיך אויך צו היטצט אונזר רעב שמעלקי. איז אין דער ניך צו געלאפען צום שמש שאפקעלע. האט ארויס גענומען אפעשיל בראנדפין. שטארקן. מיט עטליכע קעלישקעליך און האט געמאכט מיט דיא אורחים אגוטע כוסע. דער שמש אליין איז ניט געוועזען. ווארום אין זיין כתב איז געשטאנען בפירוש געשריבען א תנאי. אז חנוכה אונ פורים האט ער פראווע ארום צו געהן אין דיא הייזער. אין גלופסק. א חוץ דעם האט ער פראווע מאכען דיא שול פאר א שיינק. אונ שענקען דארט א גאנץ יאהר בראנדפין.... דיא גאנצע נאכט האט זיך רעב שמעלקי משמח געוועזען מיט דיא אורחים. אין דער פריה זענין זייא אללע געגאנגען אין וואסער. דיא נאז האט ניט געוואללט געהן. ניין. ניין. דאס זיא געזאגט. איך האב פיינט וואסער.—קומט. האט רעב שמעלקי צו דער נאז געזאגט. קומט. נישקשה. אונזער מקוה וואסער איז שטארק געדיכט. מען קען זיא שניידען מיט א מעסער...... בשעת דער מגילה לייענען האט זיך דער טוליק געמינעט פונקט אזוי וויא געבעטען. נאך דעם דאווענען האט מען זיך געזעטצט עסען אונ טרינקען. דער נאך האט מען מקיים געוועזען משלוח מנות, נאך דעם האט מען זיך ווייטער געזעטצט עסען. מקיים זיין דיא סעודה אונ מען האט געשיכערט אויף וואס דיא

וועלט שטעהט. אללע האבען געשאלטען דעם טיזליג. דיא נאז האט געטרונקען מעהר פון איטליכען. איידער איינער האט אויסגעשפייעט אוים טרינקען איין כוסע. האט ער שוין אוים געטרונקען צעהן. ער האט גענאסען וויא אוף דעם שטיין. — כורץ מען איז אזוי שכור געוועזען. אז דער קאבצאנסקער עולם איז געקומען צו ריק פון גלופסק. אויף מארגען נאך שושן פורים. האט מען געטראגען רעב שמעלקען נאך טויט שכור. — דער אלטער רעבי עליו השלום האט געזאגט. אז דיא כנופיא אורחים זענין געוועזען טאקי גאר דאס גוטע פעקיל. דיא דרייא אלטע זענין געוועזען דיא אבות. דער טיזליק אין שפיצאסטען ספאדיק איז מרדכי. אנגעטוהן בגדי מלכות, דיא טשוטשערקי איז אליהו הנביא. דיא נאז מיט ווייםפערליך איז דער בארימטהער שכור לוט. און דיא דרייא וואס מיט ברוסט טיכליך פון פלימערליך און מיט פארטוכליך זענין מתתיהו כהן גדול מיט צווייא קינדער, אנגעטוהן אין חשן ואפוד דר אלטער האט געזאגט, אז איידער דיא קאמפאניע איז געגאנגען צו רעב שמעלקען, האבען זייא פריהער בייא איהם גענומען רשות. ווארום רעב שמעלקי איז דאך זיין חסיד. און קאבצאנסק געהער צוא איהם. — דאס הייסט געהערן געהער זיא אייגענטליך צו אפאריטש. נאר דיא קאפיקע מאכט ער. דאס הייסט דער פאריטש האלט דיא קוה פאר דיא הערנער און דער רבי מעלקט. — רעב שמעלקי האט אנגעהויבען פון יענעם יאהר מצליח זיין. מעריל זיין ווייב. וואס האט ניט געהאט קיין קינדער, האט אקורבאט. נאך ניין הדשים חנוכה צו ערשטען ליכטיל געהאט איונגעל. דאס איז רעב מרדכילע מתות ער רבי האט אזוי געהייסען איהם אנאמען געבען.

נאך

נאך מרדכי'ן. און נאך מתתיהו החשמנאי) דר רעב מארדכילע מתות איז היינטיגען רעב יודעלס אפאטער. — קאבצאנסק שטאלצירט זעהר מיט דער מעשה. כטייטש בייא זייא אין שטעדטיל זענין געוועזען אזעלכע אורחים! ווער שטועסט רעב יודעל דער איז גאר שטאלץ וויא ארוה אקאטאוועס. זיין זיידע האט געשיכערט מיט לוט'ן.... זיין זיידע האט אוים געטרונקען אקעלער ווין. און דער פאר טוהט ער גרויסע שדוכים! — אפילו אלאדע דיענסט מיידער פון קאבצאנסק נעהמט זיך שטארק איבער. און איז בייא זיך אגאנצער מיוחס. אז מען פרעגט למשל אקאבצאנסקער יודען פון וואנען ער איז? ניעט ער אשמייכיל און ענפערט מיט גאוה: ווער איך? איך פון וואנען איך בין. איך? — איך בין פון קאבצאנסק. דאריבער הייסען אללע קאבצאנסקער יודען מיוחסים אדער, קאבצאנסקער בעלי גאווה'ס — אז מען באגעגענט א יודין א בעל גאוה. איז א סימן, ער איז א קאבצאנסקער.. דער פערפאסער פון דעם וועטשפינגעריל האט געהאט דיא גרויסע עהרע געבארען ווערען אין דער בארימטהע שטעדטיל קאבצאנסק, עס פארשטעהט זיך. מיין טאטע איז געוועזען א קבצן. טאקי א קבצן מיט אללע הן גריבעליך. א גאנץ יאהר איז ער ארום געגאנגען פוסטע-פאס, ימים נוראים פלעגט ער זיין א בעל תפלה ערגעץ אין א גלופסקער קלייזעל. מיין מאמע איז געוועזן א קורעלאפניצקע. זיא פלעגט פיהרען היהנער. אייער קיין גלופסק. אין קאבצאנסקער בית-מדרש, וואס איך פלעג דארט כמעט טאגען און נעכטיגען האב איך תמיד געהערט וואונדער שעהנע מעשיות פון דיא איינוואהנער. וואס האבען דארטין אויך כמעט געטאגט, גענעכטיגט. דארט זענין דער צעהלט געווארען מופתים פון גוטע יודען.

מעשיות

מעשיות פון יענער וועלט! וואס עס טוהט זיך אין גן עדן און אין גיהנם, גלייך ווי זייא זענין ערסט פון דארט געקומען און האבען אלסדינג געזעהן מיט זייערע אויגען; מעשיות וואס זענין פערלאפען אויף דעם הימעל; וואס עס קאכט זיך אין הימים נבינעט; וועלכער פון דיא צדיקים איז אגרעסערער תקיף. עס פאר שטעהט זיך דיא מעשה מיט רעב שמעלקין איז תמיד איבער גחזערט געווארין אויף דאס נייע, דארט פלעגט מען רעדען פון פאליטיק, פון מלחמות. אייגער פלעגט אויס מעלען אמלחמה אויף זיין אפענער דאנד. אויף דער דאלאניע האט ער אויס געשטעלט קירעס חיל. אויף דיא פינגער דעם תוגערם. צווישן זייא בידען. אויף דעם קו-הדיים איז געוועזען אים. נוא דאט זיך דער תוגער מיט קירע געשלאגען. בעריל מיט זיין קאמפאניע האבען געהאלטען פאר דעם תוגער. לייזער מיט זיין קאמפאניע פאר קירע'ן. געוועזט אין גאנצען האט זיך דאס אבער נאר אן דעם פארשוין פון דער דאנד. בעריל מיט לייזערען האבען צו איהם געקוקט מיט ארחמנות פנים, איטליכער האט געוואלט ער זאלל איהם צו ליעב טוהן, ביז לייזער דר ממיר. פלעגט שטילערהייט ציהען דעם פארשוין פאר אפאלע. אדער איהם באמעליך אקוועטש טוהן אדאנד אפום. און טאקי באלד האט מיין פארשוין צו גמאכט די דאנד. איז געווארען אנ-יעק פון דעם תוגר. אללע טערקין זענין אריין געפאלען אין ים! — דארט פלעגט מען איבער צעהלען צעהן מאל אין טאג דאס געלט פון אסך נגידים, דאס הייכט מען פלעגט שאטצען וויפיל אייגענס איטליכער נגיד האט. דורך דעם פלעגט אמאל ארויס געהען קריג און אמאל טאקי אויך אגעשלעג. למשל בעריל האט געשאצט רעב יעקיל גלויסקער האט פינף הונדערט טויזענד קערבליך, רעב יאסעל

אבער



אבער האט צוויא הונדערט טויזענד קערבליך. איז געקומען לייזער. בערעלס בעל פלוגתא. און האט געשאצט פאר מערט. דא האט זיך אנגעהויבען א מחלוקת. עטליכע האבען געהאלטען מיט בערלען, עטליכע מיט לייזערען, מען האט זיך געהאמפערט, געשפארט, געווערטעלט. וואס איז עפעס געלדט שמעלץ? — א טהייל ישרנים פלעגין זיך אריינלייגען אין שלום אריין. פאלגט אונז, -גיט נאך לייזערען אויף רעב יאסעלען וועט ער אייך נאך געבען אויף רעב יעקל'ן. — מה בעש? האט אייגער געמאכט א פשרה: רעב יעקיל האט דרייא הונדערט מיט. פופציג טויזענד און רעב יאסעלע האט אויך דרייא הונדערט מיט פופציג טויזענד קערבליך. זייט איהר שוין צו פרידען? מיר דאכט זיך, הייגט דארפין ביידע צדדים זיין צו פריעדען. איך האב זייא ביידע ניט אבידעט, לייזער מיט בערלין דארפען געבען בראנדפין. — קוילעט אונז דא פאר א גראשען. פלעגען שרייען לייזער מיט בערלין אין איין אטעם מיר האבען אסור ניט קיין דעניטשקע. — נשקשה, האבען אנדערע געשריען נישקשה, דער שמש וועט אייך בארגען גיעט איהם נאר א משכון. — אז פלעגט קומען צו רייד פון יודלען, פלעגט זיך איטליכער פארטראכטען. אללע האבען געזאגט בפה אחד, ער איז ניט אזוי רייך ווי א מוצלח. נאר פאר וואס איז ער ניט אזוי רייך ווי א מוצלח? אט-א-דא האבען זיך געטהיילט דיא מיינונגען, א טהייל האבען געזאגט, אז אליהו הנביא האט דענסטמאל, דענסטמאל געשיקט רעב שמעלקין משלוח מנות א יערבען בייטעלע מיט א פעניגיל. פון דעם בייטעלע לאזט זיך קיין מאל ניט אויס קיין געלט. נאך א טהייל האבען געזאגט, אז אליהו הנביא דאט גאר געשיקט משלוח-מנות רעב שמעלקין א ווינטשפינגעריל מיט א שם. ער האט איהם אבער אנגעזאגט, ער זאלל ווינטשען

נאר

נאר וויא פיעל ער בעדארף, מעהר אבער ניט.—עט. דאבען
יענע געזאגט, וואס וואלט עס אליהו הנביא געהערט, אז ער
זאל ווינטשען מעהר וויא פיעל ער בעדארף? עט. חלעבין
עט... ווען אפילו אזוי, וואלט דאך רעב שמעלקי געקענט
ווינטשען מיט דעם ווינטשפינגעריל, אז אליהו הנביא זאלל
איהם ווינטשען, אז ער זאלל מעגען ווינטשען וויפיל ער
ווינטשט זיך צו ווינטשען. א שטייגער מיר נעביך זאלען דאס
דאבען א ווינטשפינגעריל, הע, הע, הע, וואס עס וואלט שוין
געוועזען! חלעבין, טאקי גאר אן קאטאוועס, פאר וואס
זאללען טאקי יודין נעביך ניט האבען דאס ווינטשפינגעריל
וואס וואלט עס, דאכט זיך, גאטט געארט, אז זיינע יודעליך,
זיינע טייערע היילגע יודעליך זאללען נעביך האבען ווינטש-
פינגערליך?... איך האב ביי מיר אין הארצען געהאלטען
מיט דעם צד, וואס האבען זיך געהאלטען פאר דעם ווינטש-
פינגעריל. אך! וויא שעהן עס האט מיר עפעס אויסגעוויזען
האבען אזוי א פינגעריל, וואס אז מען זאגט: פינגעריל.
פינגעריל! איך ווינטש דאס, איך ווינטש יענץ, האט מען
דאס וואס מען ווינטשט, גאר אהן מיה, אהן קאפדרעניש.
מען זיטצט זיך, און געבראטענע טויבען פליהען אליין אין
מויל אריין, א תענוג, חלעבין! אין מעשה ביכליך האב איך
בעגעגענט א סך מענטשען מיט ווינטשפינגערליך, איך האב
געלייענט וויא איינער איז א מאל געפלויגען רייטענדיג אויף
א רוח, איבער וועלדער איבער פעלדער, איבער טאהלען,
איבער בערג ביז ער איז געקומען אויף א קעמפע, וואס
דארט איז געשטאנען א בריליאנטענער שלאס מיט אפשר
הונדערט חדרים, אז ער איז אהין אריינגעגאנגען האט ער
קיינעם ניט געפונען, דיא טישען זענין געוועזען געגריידט
מיט טייערע קרעדענצען. האט דער בחור ארויס גענומען זיין
ווינטשפינגריל



ווינטשפינגעריל און האט געזאגט: פינגעריל, פינגעריל!
איך וויל עסען, איך וויל טרינקען, איך וויל מען זאל מיך גוט
בעדינען!—דא זענין דאס אביסיל אריינגעגאנגען פרינצעסענס,
בת מלכות אנגעטוהן אין גאלד אין גאלד אין זילבער, אז עס
איז מחיה און האבען דעם בחור פריהער געפיהרט אין א
זילבערנע באד און נאך ווייטער, און נאך ווייטער און נאך
ווייטער.—דאס ווינטשפינגעריל איז מיר ניט ארויס געגאנגען
פון דעם קאפ. דאס וואס איז פאראנען א ווינטשפינגעריל
דאס האב איך הייליג געגלויבט. ווארים איך האב דאך דאס
געהערט אויך פון מיין טאטען. א טאטע ווייס....
סטייטש פון וואנען דען האב איך געהערט אללע מעשיות
פון יענער וועלט, פון מלאכים שדים און רוחות, פון כל א
זאכען וואס טוהט זיך אין גיהנם אין גן עדן ווען ניט פון מיין
טאטען. היינט ווען איך זאל ניט געוועזען גלויבען אין דעם
עיקר (פרינציפ): „אז א טאטע ווייס" וואס זע וואלט
געווארען חלילה פון מיין ביסעל יודישקייט?...... כל זמן
איך בין נאך געוועזען א יונגעל פלעג איך מיר אלץ פאר
שטעללען אז איך וואלט געהאט א ווינטשפינגעריל וואלט
איך מיר געוואונטשען זיין איין מאל אין גלופסק, וואס איך
בין נאך דארטין קיין מאל ניט געוועזען, און וואס איך האב
געמיינט אז זיא איז אין עק וועלט; איך וואלט מיר אויך געוואונט-
שען האבען א גרויסע שטיק ברויט מיט פופקעס, ווארים
דענסטמאל פלעג איך זעהר אפט ליידען הונגער, ניט היינט
געדאכט, און בעסערס פון פופקעס איז דאך שוין אויף דער
גאנצע וועלט ניטא, אויך וואלט איך געוואונטשען, אז אללע
חדרים און מלמדים זאללען איזניזשצעט ווערען, עס זאלל
פון זייא טאקי באלד ניט בלייבען קיין זכר. זייא זאלען טאקי
בעסער נאר פאר שוואונדען ווערען מיט דעם רויך,
ווארים

ווארים איך האב זעהר פיינט געהאט דעם חדר און מיין
מלמד, דעם גזלן, דעם רוצח. וואס מוזיק אנבעטרעפט,
האב איך מיר געוואונשען האבען א שופר בלאזער און א
קאטערינטשיק. ווארים קיין אנדער מוזיק. חוץ א שופר
א גאנצן חודש אלול. און א קאטערינקע. וואס עס איז איין
מאל פארבלאנדזעט געווארען צו אונז אין שטעטיל. האב
איך ניט געהערט. — אז איך בין עלטער געווארען און האב
אנגעהויבען צו פיהלען אנדערע באדערפעניסע, האב איך
אויך געהאט אנדערע מינים ווינטשע. דענכטמאל ווארט
איך מיר געוואונשען האבען בת-מלכות פרינצעסענס. גאלד
און זילבער וכדומה. — נאך מיין בר-מצוה פלעגט מיך דער
טאטע נעהמען מיט זיך אויף ימים נוראים קיין גלופסק. איך
זאלל אידם אונטער האלטען. איך געדענק היינט אין פריידען
מיין ערסטע נסיעה. דיא מאמע האט אויף א לאנגען וואגען
אין דער הייך אנידער געשטעלט א שמייג מיט עופות און א
קאדקע אייער אין פאלאווע. דער וואגען איז געוועזען
ענג און געזעצט מיט פארשוינען, כמעט א פערטיל
שטעטיל. דארט האבען זיך געפונען מיידליך. ווייבליך, וואס
זענען זיך געפאהרען שטעללען פאר דיענסטען. פאר אמען
דארט זענען געוועזען אויס געזעצט אללערלייא יודין: שעהנע
יודין. כשרע יודין. זיידענע מענשען. גילדענע מענטשען.
מיט גילדענע-אדער יודין גלאט אבי את יודין. איך מיט דיא.
אללע וואס זענען געזעסען אין מיינן האבען געשוויטצט.
טאקי משונה געשוויצט. דיא זיידענע מענטשען האבען
געשוויצט וויא א ביבער, דיא פעניכליך זייערע זענען
געוועזען אויס געפריעט וויא א ציטעס. דיא מאמע האט אלין
געשריען. געפילדערט אויף א שעהנעם יודין, ער זאלל אידר
ניט צו ברעכען דיא אייער. דער טאטע האט געהאלטען





צו געמאכט דאס מויל. איינגעוויקעלט דעם האלז מיט א
שטיקיל פייה. ער זאל הלילה ניט פארלירען דאס קול. —
אויף דעם וועג האט מען איבער גערעדט. וואס אין דער
דער קארט. מען האט נאך א מאל דער ציילט פאטשטען פון
דער און פון יענער וועלט. מען האט נאך אמאל איבער
געציילט דאס אייגענס פון א סך גבירים; מען האט נאך
א מאל איבער געהאזערט דיא מעשה מיט רעב שמעלקין
מען האט נאך א מאל דער מאנט פאר וואס רעב יודיל איז
א מוצלח; כמעט אללע. בפרט דיא ווייבער. האבען גע-
פאסקעט. אז אליהו הנביא האט דענסמאלט. דענסמאלט
געשיקט זיין זיידען משלוח מנות א ווינטשפינגעריל. נאך
דעם האט זיך אנגעהויבען א געקרעכצעריא. א געזיפצעריא.
א געווינטשעריא. איינער האט געזאגט. ער זאלל האבען
א ווינטשפינגעריל וואלט ער געוואונטשען דאס; יענער
דאס; דער יענץ. הכלל איטליכער האט געוואונטשען
עפעס אנדערס. נאר דאס האבען אללע גלייך געזאגט, אז
זייא וואלטען זיך ארום געגאנגען שלינג און שלאנג. א
האנד אין קאלטע וואסער ניט אריין געטהון. צדקות איז
דארט געפאללען אויף דעם פוד. איינער האט געזאגט.
איך א שטייגער זאל זיין רעב יעקיל. וואלט איך אויס
געמויערט א שול אין קאבצאנסק. און וואלט איינגעפיהרט
א חברה תהלים. און וואלט. און וואלט און וואלט.. יענער האט
געזאגט. איך וואלט דענכמאלט גאר אוועק געפאהרען קיין
ארץ ישראל, אין דעם לאנד וואס ציגען עסען באקסארען.
איך וואלט אללע קאבצאנסקער יודין געשיקט אומזיסט
ארץ ישראל-ערד, ווער שמועסט דיא גוטע יודין. וואלט
איך טאקי געשיקט גאנצע קאראבקעס....... און וואלט
און. וואלט און וואלט... אויף דעם סוף איז ארויס א
געשלעג

געשלעג. בעריל. לייזערס בר פלוגתא. האט געזאגט: א שטייגער יודין, איך זאלל געפינען אני-אוצר וואלט איך אריין געזעצט אין קאבצאנסק דעם דריסקער; לייזער אבער האט געזאגט: ווען ער זאלל אשטייגער געפינען אני-אוצר וואלט ער בערלען. אויף צו-להכעיס אריינגעזעצט דארט גאר דעם שטינסקער. דא האט זיך אנגעהויבען א מחלוקת. לייזער מיט בערלען האבען זיך שוין אנגעהאפט ביי די נעז. א טהייל האבען געהאלטען מיט לייזערען. א טהייל מיט בערלען. מען האט נאר געהערט שטינסקער דריסקער. דריסקער שטינסקער, א געשריי. א ליארום. א סומטאכע. א געשטופעריי. א געקוועטשעריי. דער שרייט אוי. מיינע פיס. יענער אוי מיין קאפ. איינער זוכט דאס היטעל דער אנדערער די יארמעלקע. מיין מאמע האלט מיט ביידע הענד די קאטקע מיט אייער און שרייט און שעלט, די הענער קרעהען. דער בעל-עגלה שרייט. פלוכט. דער טאטע נעביך ליגט איינגעדריקערט אין צעהנען אונטער דער שטייג. האלט מיט איין האנד צו דעם מויל מיט דער אנדערע דאס שטיקעל פייה אויף דעם האלז. — גאטט האט געהאלפען מען האט זיך קוים געגען נאכט פאר שלעפט קיין גלופסק.

— פון מיינע איבריגע נסיעות וועל איך דא ניט דר צעהלען, איינמאל עס זועט צו לאנג זיין. צווייטענס עס איז ניט דא דאס ארט. איך היפער איבער א סאך זאכען, און הייב אן פון דער צייט. וואס איך האב מיך אפ געשטעלט אויף תמיד אין גלופסק. דאס הייסט. אין א גלופסקער קלייזעל. ווארום דער טאטע האט מיך איבער גלאזט דארטין לערנען אונטער דער השגחה פון איין אלטען בכבודיגען מקבל.

גירסא דינקותא. דאס הייסט די מחשבות פון דער קינדהייט.



קינדהייט. די בלייבען פעסט אין דעם מענטשענס הארץ. דעם מענטשענס געדאנקען אין די עלטערע יאהרען זענען אייגענטליך אנ-ענטוויקלונג א פראדאלזשעניע (פארזעטצונג) פון דעם קינדערשע שכל. פון דעם וואס עס איז געלעגען וויא א זריעה טיף אין דעם מענטשענס הארץ בשעת דער יוגענד. זייא ווייזען נאר אויס גאר שפאגעל נייא. גליך וויא זייא זענען פלוצלום אריין געפלויגען אין דעם מענטשען. גליך וויא עס איז אין איהם פלוצלום פון דער העלער הויט בעשאפען געווארען א יש מאין. דאס הייסט: אני-עפעס פון גאר-נישט. אבער אין אמת אריין האבען זייא א שורש אין דעם נפש. ווארום אין דער גאנצע נאטור ווערד נאר יש מיש. דאס הייסט: עפעס פון עפעס. עס פאר שטעהט זיך, אז דאס שפראצונג און די ענטוויקלונג פון א געדאנק ווענדט זיך זעהר א סך אין די אייסערע אומשטענדען און סלוטשאיען, וואס חוץ דעם נפש, ווען ניט זייא, וואלט זיך דער געדאנק ניט ארוים געוויזען. און ער יאוועט זיך אין פארשידענע פארמען לויט די פארשידענע אייסערע סלוטשאיען. א קוראט גליך צו א בוים, וואס ער מיט זיינע ווארצלען. מיט זיינע צווייגען. מיט זיינע בלעטער און מיט זיינע פירות האבען זיך כמדומה איינס נאך דאס אנדערע ענטוויקלט פון א קעריל. בכן האבען זייא אללע א שורש אין דער זריעה. דאס הייסט אין דעם קעריל. דאך קען מען פארט ניט זאגען. אז א בוים זאל זיך ארויס וואקסען פון א קעריל, וואס ליגט אין א קעשענע. ווען דען זע דווקא, ווען מען לעגט דאס קעריל אריין אין דער ערד. און נאך אין גוטע ערד. וואס דארט געפינט זיך אללע יסודות: פון וואס א בוים דער נעהרט זיך. א חוץ דעם מוז עס זיין איינגעפלאנצט אין א פרייא ארט, וואס

דארט קומט צו די ליכטיגקייט און די ווארעמקייט פון דער
זון. דאס אלעדינג הייסט אייסערע סלוטשאייען // בנימין
דער שדכן שטיינער, איז ניט געווארען א שדכן נאר מחמת
ראובן האט געהאט א יונגיל און שמעון א מיידיל. ווארים א
סך מענטשען האבען דאך אויך געוואוסט פון דעם גלייך
ווי ער, פון דעסט וועגען איז קיינעם ניט איינגעפאלען
רעדען אזוי א מין שידוך; דער אמת איז. בנימין האט געהאט
נאך אין דער יוגענד א כאראקטער צו נויפפירען בוידעם
מיט פאלעצע. קאטשערע מיט לאפעטע. וואס ניט געשטוי-
גען ניט געפלויגען. אז די אומשטענדען האבען איהם
געבראכט דה״צ. צו זיין א גמרא מלמד. פלעגט ער צו נויף
פירען קאטשערע מיט לאפעטע אין דער גמרא. דער נאך
אז ער איז געווארען אוים מלמד און האט גראד דערזעהן
ראובן׳ס א יונגיל און שמעון׳ס א מיידעל. איז איהם איין
געפאלען דא צו נויפפירען קאטשערע מיט לאפעטע. דער
געדאנק פון יענעם קרומען פשעטיל און פון דעם שידוך
איז באמת איינער. אין פארשידענע פארמען לויט די
פארשידענע אומשטענדען און שטאמט אייגענטליך ארויס
פון זיין כאראקטער. אין דער יוגענד. די לעזער וועלען
ארויס זעהן, אז מיינע געדאנקען אין גלופסקער קלייזעל און
מיינע היינטיגע געדאנקען שטאמען אייגענטליך ארויס פון
מיין געדאנק אין דר יוגענד. נאר אין פארשידענע פארמען.
בשעת איך בין געוועזען אין גלופסקער קלייזעל. האב
איך דארט געהאט א חבר, אין מיינע יאהרען א בחור׳ל.
וואס מיר האבען ביידע געלעבט ווי ברידער איינער
דעם אנדערען אוים געזאגט דאס גאנצע הארץ. איבער דער
גמרא פלעגען מיר זייער סקוטשאייען. מיר פלעגען זיך
מאכען נאר פון יוצא ווערן, אז מיר לערנען. און

באמת



באמת האבען מיר ניט געלערענט קיין ווארט. משה, האב
איך אלץ געזאגט צו מיין חבר. מיר דארפט זיך משה.
אז פון דעם לערנען וועט אונז גאר נישט ארויס קומען.
מיר געהן ביידע נעבעך אפ געריסען אפ געשליסען עס
דראזשעט אונז דאס לייב. מיר האבען ביידע ניט וואס
צו עסען און ליידען צרות אויף דעם פוד. פאר וואס
זאלען מיר אזוי ליידען משה? אך! איך האב אסור קיין
כח ניט. גיב א טאפ מיין לייב ווי עס איז שארסטקע פון
קעלט. נעכטין ביי דער נאכט האב איך געשלאפען אויף
דער הוילע באנק מיט א קילאק צו קאפען נעבין דער
טיהר, א קאלט ווינטעלע האט אויף מיר שטארק געבלאזען.
היינט האב איך רוץ א שטיקעל הארט ברויט. נאך נישט
אין מיין מויל געהאט. דוא משה ווערסט אויך גוט פאר
שווארצט. פאר וואס זאללען מיר ניט אזוי גליקליך לעבען
ווי אנדערע? וואס דארפט זיך וואלט דאס גאט געארט. אז
הערשעל מיט משה׳ן זאלען אויך גליקליך לעבען? גאט דט
דאך אסך געלד. פאר וואס זע זאל ער עפעס אונז אויך ניט
ניט געבען?.... אך ווי אזוי באקומט מען א ווינטש-
פינגעריל. א ווינטשפינגעריל. געוואלט א ווינטשפינגעריל!
משה איז א מאל געקומען מיט א שמחה: הערשעל. איך
האב באקומען גאר דאס נוטע ספריל! דארטין שטייט פיל
וואונדערליכע זאכען. די גאנצע וועלט יודין מוטשען
זיך דער נרייכען וואס עס שטעדט אין איהם געשריבען.
מען זאגט אז א סך יודין זענין שוין דורך דעם ספר גליק-
ליך געווארען.—מיר האבען געשמאק געבלעטערט דעם ספר,
דאס איז געוועזען דער באקאנטער ספר „מפעלות אלהים“—
די קונץ רואה תמנו נראה: דאס הייסט. די קונץ
יענעם זעהן און פון יענעם ניט געזעהן ווערען איז מיר

וועגר

זעהר געפעלען. זעהסטו משה! האב איך געזאגט. רואה ואינו נראה איז זעהר א גוטע זאך מען קען דורך דעם אזוי גליקליך זיין וויא דורך דעם ווינטשפינגעריל. אשמייגער איינער ציילט געלד קען מען זיך שטילערהייט צו געהן און צו נעהמען. ער זאלל אונז מכות געהן. מיר קענען איינעם גוט אויס ביכען. ער זאל ניט וויסען פון וואנען דאס איז געקומען. רעב יעקלין דעם נגיד העל איך מיר למשל גוט אויס פאטשען. מאכי גוט אויס ברעכין די ביינער. אז געללע וועט ארויס טראגען יונגע רעטיכליך. וועל איך מיר צו נעהמען די רעטיכליך. שא קיטש. דוא געללע ווער צו לאפענעט פאר צרות. — מיר האבען זיך שטילערהייט געכוטשעט איבער דער קונץ „רואה ואינו נראה" משה אפילו ניט מיט אזוי א חשק. איך אבער האב מיך געמוטשעט גאנץ שטארק: מיר האבען געפאסט תעניתים. געזאגט תהלים. געגאנגען אין קאלטע מקוות: געברויכט אלע מיטטעל. עס איז אבער אונז ניט געראטען. אז מיר זענען באכט זיך שוין גאר מיט אלעמען פארטיג געווארען. האבען מיר זיך פלוצלום דער מאנט אז איך אדער משה האבען עפעס פאר פעלט און די גאנצע שפיל איז קאליע געווארען!

אז איך האב געזעהן. די קונץ „רואה ואינו נראה" וויל ניט געראטען חאטשע צעריים זיך: האב איך ווידער אנגעהויבען שטארק דענקען ארום דעם ווינטשפינגעריל. טאמיר וואלט פארט א סברה געוועזען דאס צו באקומען. דער טאטע האט דאך געזאגט. אז עס איז פאראנען א זעלכע מינים פינגערליך. און אין די מעשה ביכליך האב איך דאך אליין מיט מיינע אויגן געזעהן בפירוש געדרוקט. אז א סך מענטשען. אפילו גוים.

האבען



האבען געהאט אזעלכע פינגערליך. מסתמא אז עס איז געדרוקט. איז דאך אוודאי איין אמת. היינט פאר וואס זאלל ניט קענען מעגליך זיין. אז איך זאלל אויך האבען אזוי א פינגעריל? בפרט דער צו בין איך דאך נאך פארט עפעס אויך א יונג. און מאכי נאך א כאבצאנסקער..... ליתר בטחון האב איך זיך דאבעוועט ביי דעם מקבל. וואס איך האב געלערנט אונטער זיין השגחה וואס מיינט ער מכוח אזוי א פינגעריל. ער האט מיר עפעס דער צעהלט. אז שלמה המלך האט געמאכט אזוי א מין פינגעריל מיט א שם, און עפעס נאך א לאנגע מעשה מיט דעם אשמדאי און מיט דער מלכה שבא. פון דענסטמאלט אן פלעג איך מיר אליין מיט גנייבעשע סטוטשקעליך נאך פארשען ביי מענטשען מכח דעם פינגעריל. ביז גאטט האט געהאלפען און איך האב עס צום סוף געפינען אויף אזוי א שמייגער:

אין גלופסק איז געוועזען א ליטוואק — זיין נאמען קען איך לעת-עתה נאך ניט מפרסם מאכען ער איז געשטאנען סטאנציע ביי ברייינדיל די בראדערין. מיין מאמע האט געהאט א דריכת הרגל ביי ברייינדלין אין הויז. זיא פלעגט אהין טראגען עופות און אייער. ברייינדעלס קעבען איז געוועזען פון כאבצאנסק. דאס זנאטשעט עפעס אויך. אין גלופסק איז א קעבען א גאנצער תקיף, זיא הערשט און לעבט וויא גאטט אין פראנקרייך. איך פלעג אפט אהינצו אויך געהן מיט דער מאמע. און דורך דעם בין איך געווארען דארט אין הויז א שטיק בן בית. מען פלעגט זיך מיט מיר א מאל שאפען א גאנג, שיקען צום שוחט, טובלען כלים. לייען מילכיגע גאפיל, מעסער. לעפעל. ווארום געוועהנליך האט מען דא ניט קיין מילכיגע געפעס. אדער מען פלעגט

מיר

מיר געבן אפ צו פוטצן אפאר שיך. א פאר שטיפעל. מיט
דעם ליטוואק בין איך געוועזן א גאנצער שמעלקע. ער
איז געוועזן פון דער נאטור א גוטער. אן א גאל. א
שוטניק. א שפאסמאכער. ער פלעגט ליב האבען זיך
מיט מיר זאנימאיען און קאכאוועס צו מריבען. יענע
ציטען האט מען אלץ אין פוילען געמיינט. אז א ליטוואק
קען ארמדינג. איטליכער ליטוואק איז א למדן א מופלג.
א פייער א שפירט, דער גאנצער הסרון פון א ליטוואק איז.
וואס ער איז א ליטוואק און גלייבט ניט אין א גוטען יודען
מין. ליטוואק האט מען געהאלטען פאר א מושלם בבל
הבעלות, און באמת איז ער טאקי געוועזן א מושלם,
א גרויסער חכם. דער דאזיגער ליטוואק האט אלץ ליב
געהאט פרעגען ביא מיר רעטעניששען און סקארבאווע
קשיות. אשטייגער: וואס איז דאס. וואס זיצט אויף דעם
דאך און רייבערט א לולקע? — וואס איז דאס. וואס עס
דרעהט זיך ארום דר עטוב און שטעלט זיך אין א ווינקעלע? —
וואס איז דאס. וואס עס געהט איינגעבויגען און פייפט
שטילערהייט איטליכען אן? — וואס איז דאס. וואס האט
א צונג אן ביינער. דרעהט עס אהין אהער און ווייס ניט
וואס מיט איהם איז דר מעהר? — וואס איז דאס. וואס הט
א פנים פון א מענטשען און שרייט וויא איין עזעל,
ער מיינט ער איז א בער און איז גאר א שצער? — בעסער
פון אלע זאכען האט ער ליב געהאט ארייןלאזען זיך מיט
מיר אין חקירות. פילאזאפירען. און הערען מיינע מיינונגען
איבער וועלט זאכען, א שטייגער: וואס מיינסט דוא
הערשעלע. א קאטץ האט א פופיק? א מת נאך שלשים
געהט צו חלום? נאך וודוי אז מען ווערט געזונד. מעג
מען זפען אביסעלי יוך? פאר וואס איז פאראנען א מזייל





יודען, וואס רעדען רעדען זייא גאלע הבמות. און שרייבען
שרייבען זייא גאלע נארישקייט? — וואו קומט אהין דיא
זון אז זיא פאר געהט? — פאר וואס שלאגט זיך דיא זון
מיט דר לבנה? ניהייא וואלטען זיך די צדיקים געלעגט אין
שלום אריין? — און דער גלייכען נאך אזעלכע חקירות, עס
פאר שטעהט זיך, אז איך האב דעם ליטוואק אויסגעזאגט
מיין גאנץ הארץ. איך האב איהם אויס געמייקעט אלע
יסורים און שווערע פראבען. וואס איך בין אויס געשטאנען
כדי איך זאלל דער געהן וויא אזוי מען קען זיין א
רואה ואינו נראה. דער ליטוואק האט מיך איינמאל גאנץ
ערנסט אנגעקוקט און האט מיך געפרעגט: צו וואס טויג
דיר זיין א רואה ואינו נראה? פאר וואס ווילסט דוא. אז
יענעם זאלסט דוא קענען זעהן, און יענער דיך זאלל
ניט קענען זעהן? — סטייטש, האב איך געענפערט איך
וועל אויף אזוי א־נ־אופן קענען טוהן אלץ וואס איך
וויל; איך וועל אלסדינג נעהמען וואס מיין הארץ גלוסט;
מיינע שונאים וועל איך הארגענען שלאגען און וועל מיר
לעבען אזוי וויא א פאריטץ נישט טוהן קיין שום ארבייט.
היינט בעטראכט זיך נאר הערשעלע לעב. האט דער
ליטוואק געזאגט. וואס פאר א קרומען שכל דוא האסט.
סטייטש. דוא האסט געפאסט תעניתים, דוא האסט גע־
זאגט תהלים. דוא ביסט געגאנגען אין קאלטע מקואות.
וואס איז? נאטט זאלל דיר הערשעלע העלפען דערגעהן
אזוי א קונץ. וואס דארורך זאלסט דוא זיין א גנב. א
רוצח. א ליידיג געהר. אהולטייא. און א בעל תאוה!
א שטייגער. הערשעלע לעב. וואס וואללט געווארען פון
דער וועלט ווען מענטשען זאלען קענען אזעלכע קונטי־
צען? — מאלט איך, אז איך האב דענסטמאל דעם ליטוואק

ניט אזוי גוט פאר שטאנען . אונ האב געזאגט : פון דעם
וועגען ווייס איך . אז עס איז פאראנען א סך פרומע יודין
וואס פאר לאנגען זעהר אוים לערנען זיך די קונץ רואה
ואינו נראה , זייא וואלטען דער פאר בידאיי דאס העמד
פון דעם לייב אוועק געגעבען .— אזעלכע מינים פרומע יודין
האט דער ליטוואק געזאגט . וואס פערלאנגען די קונץ
רואה ואינו נראה קענען זעהר גרינג פארפירט ווערען
אדער זייא זענין שוין טאקי צביאקעס . שמייכלער אונ
גנבים . איסט דען ניט א צביאק א שמייכלער א גנב דאס
וואס א רואה ואינו נראה . זייא אללע ווילען איין זאך :
שטילערהייט אין פאר בארגענעס אפ טוהן אזעלכע זאכען ,
וואס מען קען זייא ניט טוהן עפענטליך . בפרהסיא , א
מענטש אבער . איין אמת ערענטליכער מענטש דארף זיין
בסתר כבגלוי . דאס הייסט . ער דארף אין פאר
בארגענעס זיין אזוי ערליך . וויא עפענטליך פאר לייטען ;
אפילו ווען קיינער זעהט איהם ניט . זאלל ער יענעמס אוף
א האר ניט זאטשעפען . קיינעם ניט אבירען ; ער דארף
מיט זיינע מעשים ניט מורא האבען פאר דער עפענטליכער
מיינונג ; ער דארף זיך ניט באהאלטען , קורץ א בראווער
ערליכער מאן דארף ניט וועלען זיין א רואה ואינו נראה .
זעהסט דוא הערשעלע א שטייגער דוא זאללסט טוהן עפעס א
פארברעכען , אדער הלילה , לא יעלה ולא יבוא , מען זאלל
דיך וועלען נעהמען פאר א רעקרוט , דא וואלסט־דוא דאך
אוודאי איין געווענדעט די קונץ רואה ואינו נראה . באמת
אבער וואלסט דוא געהאנדעלט זעהר ניט רעכט פאר דער
פראוויטעלסטווא , אונ וואלסט ניט מקיים געוועזען איהר
רצון . איינער פון די חכמי יון , דער בארימטהער סאקראטוס ,
אז מען האט איהם איינגעזעצט תפוס אין אסטראג פאר א
אבילבול



א בילבול , האט געזאגט צו זיינע תלמידים , וואס האבען איהם
געוואלט ארוים גאנבענען , אז ער וויל בשום אופן ניט
אנטלויפען , ווארום ער האט דאך געשווארען , ער זאל
תמיד מקיים זיין דעם רצון פון דער פראוויטעלסטווא , הייגט
אז ער וועט אנטלויפען פון אסטראג , וואס די
פראוויטעלסטווא האט איהם דארט איינגעזעצט , וועט ער
דאך עובר שבועה זיין ! — אז עס איז איינמאל געקומען צו
רייד פון דעם ווינטשפינגעריל , האט דער ליטוואק אויף
מיר אקוק געטוהן מיט זיין איינגעלע אונ האט צו מיר אזוי געזאגט :
מיין ליבער רעב הערשעל בעטראכט זיך נאר הערשעלע
לעב מיט קאפ וואס דו ווילסט ! דוא ווילסט האבען אזוי א
מין זאך , וואס ווען מענטשען זאללען עס האבען , וואללט
שוין לאנג ניט געוועזן נישט קיין מענטשען , נישט קיין וועלט .
לאמיר אננעהמען אז עס איז בנמצא ווינטשפינגערליך , אונ
אללע מענטשען , אדער וועדליג דעם יושר פון דיינע
קאבצאנסקער איינוואהנער , זאללען נאר אללע יודעליך
האבען אזעלכע פינגערליך . אונ אללע וואלטען געוואונטשען
האבען בת־מלכות , פרינצעסינס , פון וואנעץ וואלט זיך
גענומען בת־מלכות ? די בת־מלכות אליין וואלטען דאך
אויך געהאט ווינטשפינגערליך , זייא נעביך אבער וואלטען
געוואונטשען . גאר פרינצען , בני מלכים . א שטייגער דוא
הערשעלע , דוא וואלסט זיך געוואונטשען די פרינצעסין
פון שפאניען , זיא נעביך וואלט זיך געוואונטשען דעם יונגען
פרינץ נאפעלעאנס א זון , א סך א בעסערער חתן פון דיר ,
חאטשע דוא לערנסט אין גלופסקער קלייזעל . איי טאמיר
הערשעלע וועסט דוא זאגען אז דענסטמאל וואלסט דוא ניט
געוועזען דער היינטיגע הערשעלע , דוא אליין וואלסט גאר
געוועזען א פרינץ א בן מלך , דאס הייסט דיין טאטע וואלט
דאך

דאך געווים גענומען האטשע איין בת-מלכה, ניט קיין
קורעלאפניצקע און וואלט זיכער געוואהנט אין א
בריליאנטענעם שלאס; אם-כן, אויב יא אזוי, וואלטען זיך
אללע געוועזען נאר בני מלכים, און וואו וואלטען געוועזען
זייערע קנעכט? דאס איז נאך ניט גאר. ראובן א שטייגער
וואלט געוואונטשען שמעון זאלל אוים ברעכען אהאנד א
פוס, שמעון אבער פון זיין זייט וואלט אויך געוואונטשען אז
ראובן זאלל צו ברעכען רוק און לענד. אדער ראובן וואלט
געהייסען עס זאלל געהן א רעגען. שמעון וואללט געזאגט
עס זאלל זיין טאג, שמעון וואלט געזאגט עס זאלל זיין
נאכט. אדער ראובן מיט שמעון וואלטען זיך גראד ביידע
געזעטצט רייטענדיג אויף איין רוח, איינער וואללט איהם
געהייסען פליהען קיין הודו דער אנדערע קיין כוש!—היינט
דארפסט-דוא דאך פארשטעהן הערשעלע, לעב, אז אללע
מענטשען וואללטען געוועזען כונעיאדצעם, קיינער וואלט ניט
געוואלט ארבייטען. מען וואללט ניט געאקערט, ניט
גזעהט, מען וואלט ניט געמאכט פאבריקעם פון לייננוואנד,
פון געוואנט, פון נאך אנדערע זאכען. עס וואללט ניט
געוועזען קיין שניידער, קיין שוסטער, קיין קאוועל, קיין
סטאליער, קיין בעקער וכדומה, מען וואללט ניט געהאט וואס
צו עסען, וואס אנצוטוהן אין וואס צו פאהרען. מען וואלט
פשוט געשטארבען פאר הונגער פאר קעלט.—איך האב
באלופעט דיא נאז און קאלאפאטשעט מיט דעם צונג:
סטייטש, דאס אלסדינג וואללטען געטוהן מלאכים, שדים,
רוחות. זייא וואלטען אלסדינג געארבייט, און געהייצט דיא
רונבעס. היינט דיא עכו"ם.. דער ליטוואק האט מיך אן
געקוקט מיט אזוי א פנים, וויא איינער זאגט: אזוי בחור!..



ער מיר איינמאל געזאגט, איך אליין מיטשע מיך שוין אויך
א לאנגע צייט צו דערגרייכען דאס ווינטשפינגעריל. איך האלט
שוין אפילו אויף א שטייגער. אויב דוא ווילסט וועל איך דיך
אוסלערנען. תהלת האב איך איהם ניט געגלויבט. איך
האב געמיינט. ער שפאסט, ער מאכט פון מיר הוזק.
נאר אז ער האט מיר אבער געשווארען אז ער מיינט דאס
גאנץ ערנסט, האב איך מיך אנגעכאפט מיט ביידע הענד.—
נאר איך מוז מיט דיר פריהער אויסנעהמען א תנאי, האט
דער ליטוואק געזאגט, אז דוא זאללסט מיך פאלגען און
און טוהן אלץ וואס איך וועל דיר הייסען. טאמיר חלילה
וועסט-דוא ניט מקיים זיין א קליינינגקייט, ביסט דוא פארפאלען
אויף איביג, און דיין גאנצע פריהערדיגע מיה וועט גאר
נישט טויגען. נוא. באשטעהסט דוא דארויף הערשעלע?—
א, האב איך געזאגט. איך באשטעהע.—נוא. האט דער
ליטוואק ווידער געזאגט. פון היינט אן זאללסט דוא זיין
בייא מיר, דוא זאללסט בייא מיר עסען און שלאפען. אויף
מארגען, נאך דעם-אז איך האב מיך איבערגעקליבען צום
ליטוואק. ארום זייגער צעהן בייא דער נאכט. אז אללע
האבען זיך געלייגט שלאפען. האט דער ליטוואק ארויס
גענומען פון א שאפקעלע עפעס א ספר און האט צו מיר
גזאגט: זעהסט דוא הערשעלע. דאס וואס איך וויל דיך
אויסלערנען שטעהט אין אזעלכע ספרים, וואס דוא וועכט
אין זייא סוקען וויא א דאהן אין בני אדם, ווארום זייא זענען
געשריבען אין דעם דייטשע שפראכע. א הוץ דעם דארף
מען האבען א סך הקדמות און פארקענטניגעם. אז מען זאלל
זייא קענען פארשטעהן, דאריבער וועל איך דיך פריהער
אויס לערנען גוט לייענען. דער נאך דיא איבריגע זאכען.
וואס מען דארף דערצו האבען. איך וועל זיך מיט דיר תמיד

באשעפטיגען

בעשעפטיגען פון זייגער צעהן ביז צוועלף ביי נאכט . א מאל ביז איינס . נאר אבער דוא מוזט אליין פאר זיך גוט , טאקי גוט קנייטשען דאס ביכעלע, אונ זאלסט זיך ניט פוילען .

וואס זאל איך דא אייך פיל דר ציילן אין א האלב יאהר האב איך געלייענט דייטש גיך וויא א וואסער . טאג וויא נאכט פלעג איך זיטצען איבער דעם בוך . אז איך פלעג א מאל מיד ווערען . פלעג איך מיר אונטער געבען חשק לעהרען , לעהרען וועסט דוא האבען דאס ווינטשפינגעריל . א קוראט גלייך וויא דער דרדקי מלמד פלעגט מיך אנטרייבען מיט דיא ווערטער : לעהרן הערשונא, לעהרן דער מלאך וועט אראפ וואַרפען א גראשען . אקוראט וויא א פרומער יוד טרייבט זיך אן צו טוהן א מצוה . כדי ער זאל עסען א שטיק פיש פון לויתן , א שטיק פלייש פון דעם שור הבר אונ האבען א שטוהל אין גן עדן . דאס מאכט וואס דאס יונגעל אונ דער פראסטער פרומער אונגעבילדעטער יוד . פארשטעהן ניט דעם טיעפען געדאנק פון דיא היילינע ווערטער : שכר מצוה מצוה . דאס הייסט . דער לוין פון א גוטער זאך איז טאקי דיא גוטע זאך אלליין . ווייטער דערקלעהרען דעם זין פון דיא אמת'ע זעהר פיל בעדייטענדע ווערטער , וואס אונזערע היילינע חכמים האבען געזאגט . איז דא ניט דאס ארט .—

בקיצור א יאהר בין איך געזעסען מיט דעם ליטוואק אין גלופסק . אין דעם יאהר האב איך מיך אויסגעלערנט ריכטיג שרייבען . איך בין דורך געגאנגען אריפמעטיקע א קורצע געאגראפיע וכדומה . דעם ליטוואקס געשעפטען—האבען איהם דער נאך געצוואונגען פאהרען קיין לייפציג , ער האט מיך אהינצו מיט זיך גענומען . דארט האט ער מיך געלאזט שטודירען דיא נאטור וויסענשאפטען אין אוניווערסיטעט , ער האט מיך פארזארגט מיט געלד אונ מיט אללע

באדערפענים

בעדערפעניס וויא איין אייגען קינד . אז ער האט געדארפט אוועק פאהרען פון לייפציג האט ער זיך מיט מיר גע זעגענט אונ האט צו מיר אזוי געזאגט : לעהרען הערשעלע . לעהרן דוא וועסט געפינען דאס ווינטשפינגעריל ! מיין לוין פאר מיין מיה מיט דיר וועט זיין . אז הערשעלע זאלסט שפעטער אויך אויס לערנען אנדערע צו געפינען דאס ווינטשפינגעריל , וואס דורך דעם וועלען זייא נעביך קענען גליקליך לעבען אויף דער וועלט . אונ דורך דעם וועלען זייא קענען זיין גוטע אונ נוטצליכע מענטשען . זעה מיין טהייערער הערשעלע . איך בעט דיך . איך בעט דיך מיין טהייערער הערשעלע . דו זאלסט טוהן מיין רצון !

דער ליטוואק האט געטראפען ! אין אוניווערסיטעט האב איך צום סוף געפונען דאס ווינטשפינגעריל . נישט דאס פוסטע חימערישע ווינטשפינגעריל . וואס דורך איהם וואלט דיא וועלט קיין קיום ניט געקענט האבען . אזוי וויא מיין קלוגער ליטוואק האט עס שוין לאנג דערקלערט ; נישט דאס אויס געטראכטע פינגעריל . וואס דורך איהם וואלטען דיא מענטשען געווען הולטייעס . ליידיג גייער . גראבע יונגען אונ בעלי תאוות ; וואס דורך דעם וואלט א מענטש אלליין ניט געטויגט א קאטץ א שוואנץ צו בינדען . אונ דיא וועלט וואלט פול געווארען מיט שדים . מיט רוחות ; וואס דורך דעם וואלט געמוזט אויפהערען אללע נאטורגע־זעטצע . דאס הייסט . עס וואלט בטל געווארען גאטטס גרויסער אונ קלוגער פלאן אין דער נאטור צו ליב דיא מענטשענס נארישע ווינטשע . עס וואלט בטל געווארען גאטטס ווילען צו ליב דעם מענטשענס ווילען . למשל פון טויזענדער יאהרען וואקסען . דורך מיליאנען סבות אונ נאטורליכע פריטשינעס אויף עפעל ביימער עפעל : פלוט־ צלים

צלום וואלט א מענטש געוואונשען. אז אויף זייא זאלל
וואקסען אתרוגים וואלט דאך געמוזט הרב ונחרב ווערען
אללע ערסטע סבות פריטשינעס. וואס דורך זייא האט
גאטט געלאזט וואקסען עפעל. אז וואלטען הרב געווארען
דיא סבות. וואלטען שוין דורך דעם געמוזט חרב ווערען
נאך א סך סבות אונ געזעטצע פון א גוזמא אנדערע זאכען
ביז עס וואלט צו שטערט געווארען צו ליב איין קליי־
ניגקייט. צו ליב איין אתרוג. גאטטס אללע מחשבות.
דאס הייסט. אללע נאטור געזעטצע. אונ דיא וועלט וואלט
געוועזען שיף וויא אן רודער! ניין. נאר א גראבער אונגע־
בילדעטער מענטש קען פאר לאנגען אזוי א פינגעריל.
נאר א זעלכע מענטשען. וואס פיהלען זייער נידעריגקייט.
זייער חסרונות. זייער שראפקייט אנטגעגען דער נאטור.
וואס פיהלען. אז זיא זענען ניט אומשטאנד זיך
ראנגלען מיט דיא קרעפטע אונ כוחות פון דער
נאטור. אונ צו דאביוועןº אללע זייערע באדערפנים
מיט שכל מיט פארשטאנד. נאר אזעלכע קליינע מענטשליך
זענין ניט צו פרידען מיט גאטטס פיהרונג. מיט זיין היי־
ליגע נאטור. אונ ווילען אלץ עפעס וואונדער. עפעס
נסים אונ איבער נאטורליכעס. עפעס ווילען זייא. אז
עפעס א מענטש זאלל מאכען מופתים אונ זאל האבען צו
שאפען איבער נאטט! נאר אזעלכע גראבע אונגליקליכע
מענטשען האבען מחמת גרויס עגמת נפש זיך פארגע־
שטעלט אזוי א מענטשען. גאטטס אינאפיקוןº. וואס ער
פיהרט איהם ביי דער נאז, אונ אזוי א נאיבער נאטירליך
פינגעריל. ניין. מיינע ליבע יודין. ניט דאס פינגעריל
האב איך געפונען. ניט דאס פינגעריל וועל איך איך
אויס לערנען צו דער גרייכען. מיין פינגעריל איז עפעס
וואס



וואס אנדערס. דאס איז דיא חכמה! מיט חכמה קען
דער מענטש דער גרייכען אלסדינג וואס ער ווינטשט.
דיא חכמה, זיא איז דאס נאטירליכע ווינטשפינגעריל.
וואס מיט איהם פיהלט זיך דער מענטש שטארק צו
באקוועמען אללע זיינע באדערפענעס על פי דרך הטבע.
וואס מיט איהם הערשט ער איבער דער נאטור אונ מאכט
זיא פאר זיינער א דינסט. ער וויל פאהרען גאנץ געשווינד
אהן פערד. שפאנט ער איין דיא פארע (א נאטור קראפט)
אין א וואגען. אונ פאהרט גיך וויא פייל אויס'ן בויגען. ער
וויל רעדען פון ווייטען מיט זיינעם א פריינד אין עק וועלט.
באפעהלט ער אויף דער עלעקטריציטעט (א נאטור קראפט)
אונ זיא טראגט זיינע ווערטער נאך גיכער ווי רגחות. ער
ווינטשט פליהען אין דער לופט. זעצט ער זיך אריין אין
א באלאן. וואס ער צווינגט איהם דורך גאז. אז ער
זאל זיך דער הייבען ווייט, ווייט אונטער דיא וואלקען.
וואס דארט איז ניט זוכה צו פליהען אפילו דער אדלער.
דער מלך פון אללע עופות. ער ווינטשט אז דער בליטץ.
דער מחבל. זאלל ניט פאר ברענען זיין הויז. שלעפט
ער איהם אראפ פון הימעל מיט אייזערנע קעטען צום
אלדע שווארץ יאהר טיף אין דער ערד. אונ נאך א סך
א זעלכע זאכען קען דער מענטש מאכען מיט דעם טייערן
ווינטשפינגעריל. א. לערנען אונ גיב דיר מיה דער וועלט
נוטצליך צו זיין מיט דיין חכמה, דענסמאל וועלען דיך
אפילו בת־מלכות. פרינצעסינס באדינען, אפילו מלכים
וועלען דיך ארום טראגען אויף דיא הענד! טויזענדער
יאהרען נאך דיין טויט וועסט־דוא געהויכט. געקריינט זיין
ביי דער גאנצער וועלט. איטליכער וועט זיך מיט דיר



מיחוס

מיחם זיין: דיין געבורטס־יארט. נאטציאן, דיין פאטער לאנד און אללע מענטשען!

אין דעם ספר האב איך מיר פאר גענומען צו בעש־רייבען פראסט אין א גרינגער שפראכע דיא אלע חכמות און וויסענשאפטען. וואס דורך זייא קען איטליכער מענטש זוכה זיין צו דעם אמת נאטורליכען ווינטשפינגעריל. לעהרענט־זשע יודין. לעהרענט וועט איהר גליקליך זיין! אזוי וויא שלמה המלך זאגט אין משלי: אשרי אדם מצא חכמה. דאס הייסט: אז וואהל איז דעם מענטשען. וואס ער האט געפונען קלוגשאפט!

) 41 (

# זיד דאוואי ראשי!

איך בין א־נ־ארימאן. וויא איך בין א יוד! איך בין שוין דרייסיג יאהר א יודישער מוכר ספרים. און איך בין נאך אגרויסער אביון. וויא איך בין א יוד!. קוים קוים וואס איך דארצעווע°מיך אוים כיט מיין פערדיל נעביך. נאר ניט דם בין איך אויסן. איך קען ניט מעהר דרוקען פון דעם דייטשערעס ספר'ל אויף מיינע אייגענע הוצאות. איך האב נישט קיין געלד. וויא איך בין א יוד! דעם דייטשעל. וואס זעצט איבער דאס דייטשערעס ביכעל דארף איך אויך צאהלען. ער איז אויך א קבצן. וויא איך בין א יוד! איהר מעגט מיר גלייבען אויף מיין ווארט. אז א יוד זאגט. ער איז א קבצן. איז ער באַ־גלייבט, זעהט איר. אז ער פארזיבערט אייך. ער האט געלד. האט איהר א מגו°ניט צו גלייבען. עס קען זיין. ער איז א פארדראטשיק. נאר ניט דאס בין איך אויסען איך בין אויסען מיינע ליבע יודעליך. אז איהר זאלט מיר שיקען געלד. דאס הייסט בייא אונז פרענומעראנטען, זעל איך דורך דעם אין שטאנד זיין צו דרוקען דיא אללע נייטיגע חכמות. וואס שטעהען געשריבען אין דעם דייטשערישען ביכעל. איך פאר זיכער אייך. אז איהר וועט הן פון משונה הנאה האבען. אין דייטשלאנד האבען שוין דאס כמעט אללע יודין איבער געלייענט. און מען זאגט: דיא שטעהען שוין אויף א שטייגער צו האבן ווינטשפינ־גערליך. זייא האבען שוין א סך מעהר דערגרייכט וויא אנדערע יודעליך. עס איז זייא גאנץ גוט.... מיר אבער מוזען נאך זאגען דאס גויעש ווערטעל: „טאם דאברע גדיע נאם נימא" דאס הייסט. וואו מיר יודעליך זענין ניטא, דארט איז גוט..... נאר ווער אבער איז דאריגע שולדיג. ווען ניט מאקי מיר אליין. נאר ניט דאס בין איך אויסען—טייערע יודין. איהר זאללט מיר ניט שיקען צוריסענע קערבליך. אהן נומערין. מיין אדרעס איז: „יעווריאו מענדעליו יודעלאוויטשוא. מוכערנא ספרימוא אוב גלופסקוא." ווארום איך בין אפט אין גלופסק.—היינט זייט מיר געזונט יודין. מיר זאללען זיך נאך א מאל געזונטער הייט זעהן. אמן!

ענדע